בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

## היום הקדוש

י' תשרי תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:36 |
| מוצש"ק | 6:48 |
| ר"ת | 7:27 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:48 | סוז"ת א' | 10:00 |
| סוזק"ש ב' | 9:30 | סוז"ת ב' | 10:28 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': ק"ד

שנה ב'

## טיב הפרשה

# לפני ה' תטהרו

## די שמחה אז מיר זענען זוכה אין דעם טאג צו מחילת עוונות

מיר טרעטן אצינד אריין אין דעם גרויסן און הייליגן טאג יום הכיפורים, דער טאג אויף וואס די תוה"ק זאגט אונז עדות אז אין דעם טאג רייניגט זיך דער איד אויס פאר הקב"ה, אז א איד ווערט טהור אין איר.

יעדער איד ווייסט די גרויסקייט פון דעם טאג, אז אין איר קען מען זיך מטהר ומקדש זיין בקדושה של מעלה, אבער ביי אסאך פון אונז איז דער איינדרוק פון דעם טאג אז עס איז א שרעקעדיגע טאג, א יום הדין, א צייט ווען מען איז מדקדק מיט יעדן איד אין זיינע מעשים און דאס הארץ איז פול מיט אימה ויראה.

עס איז אמת אז די טעג זענען 'ימי הדין'. באריכות ווערט די נקודה ארויסגעברענגט ביי די באקאנטע פיוט פון 'ונתנה תוקף' ווי מען לייגט אראפ די גרויסקייט פון דעם טאג, אז מען איז דן יעדן איד למעלה במ־רומים, אבער מען דארף געדענקען אז עס איז אויך ימי רחמים, אז אין די טעג איז הקב"ה מוחל די עבירות און איז מקבל די תשובה פון יעדן איד, אפילו אויב דער איד געפינט זיך אין א נידריגע צושטאנד.

נישט נאר איז הקב"ה מוחל די עבירות אין דעם טאג, נאר דער יסוד פון דעם טאג איז 'סליחה ומחילה'.

אין דעם טאג האט הקב"ה געזאגט צו משה רבינו [במדבר יד, כ] סלחתי כדברך און עס איז א יום המסוגל פאר סליחה וכפרה.

ווען מען איז זיך מתבונן אין דעם באפאלט אונז א ציטער. מען הייבט אן צו באגרייפן וואס דאס מיינט אז דער גרויסער און גוטער באשעפער לאזט זיך אראפ צו יעדן איד און איז אים מוחל אל זיינע עבירות. דער רבוש"ע איז דאך דער מלך מלכי המלכים, ער איז דער קעניג פון די וועלט, אלעס געהער צו אים און דאך איז ער מוחל פאר יעדן זיינע עבירות.

מען זאל זיך פארשטעלן ווי אזוי אזא זאך וואלט ווען געווען ביי א מלך בשר ודם. אז א מענטש פארזינדיגט זיך פאר א מלך בשר ודם איז אויך דא אן עצה פון זיך איבערבעטן, אבער דארט וועט ער נישט קענען בלויז תשובה טון און יוצא זיין מיט דעם. אפילו אז דער קעניג וועט אים פארגעבן וועט עס נאר קומען נאכ'ן אריבערגיין א סעריע פון עונשים, פון משפטים, וואו מען וועט אים דן זיין און אריינקוקן

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

## יום הַקָּדוֹשׁ

יעדע מאמע ווייסט, אז כדי צו וואשן איר קליין קינד און אים רייניגן פון שמוץ און אים באדן, דארף זי צום ערשט אויפקאכן וואסער. נאכדעם וואס די וואסער איז שוין הייס, דארף זי עפענען די קאלטע און הייסע קראנען אויפאמאל ביז די וואסער איז געשמאק, נישט צי הייס און נישט צי קאלט, און נאר דעמאלטס לייגט צו אריין איר קינד און וואשט אים מיט גרויס איידלקייט. אויב זי וועט נוצן בלויז קאלטע וואסער, קען איר קינד חלילה פארקילט ווערן, און אויב וועט זי נאר נוצן הייסע וואסער קען ער זיך חלילה אפבריען. דערפאר טוט זי אלעס מיט קאפ און געפיל, און טאקע יעצט איז די ריכטיגע מינוט צו באדן דאס קינד, ווייל אויב וועט זיך די וואסער אפקילן וועט עס שוין נישט זיין פאסיג פאר איר ציל.

עס קומט יום כיפור, און דער אויבערשטער זאגט צו אונז – סיי אויב דו האסט דיך צוגעגרייט און סיי אויב נישט, קום, גיי אריין אינעם וואנע, מקוה ישראל ד' – און איך מאך דיר ריין פון זינד, און דאס גאנצע וואס דו דארפסט טון איז, אריינצוטאנצן אין די וואסער, און זאג דער נוסח התפילה פונעם מחזור לויט ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האבן מתקן געווען פאר אונז, זייך זיך מתוודה, און טו אנערקענען אינעם זינד און איך וועל דיר מאכן ריין, אזוי ווי די הייליגע משנה זאגט אין מסכת יומא 'אָמַר רַבִּי עֲקִיבָא אַשְׁרֵיכֶם יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי מִי אַתֶּם מִטַּהֲרִין וּמִי מְטַהֵר אֶתְכֶם אֲבִיכֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, שֶׁנֶּאֱמַר וְזָרַקְתִּי עֲלֵיכֶם מַיִם טְהוֹרִים וּטְהַרְתֶּם, וְאוֹמֵר מִקְוֵה יִשְׂרָאֵל ד', מַה מִּקְוֶה מְטַהֵר אֶת הַטְּמֵאִים אַף הקב"ה מְטַהֵר אֶת יִשְׂרָאֵל'.

אין מדרש תנחומא ווערט גע'דרש'נט דער פסוק 'כִּי גָדוֹל יוֹם ד' וְנוֹרָא מְאֹד וּמִי יְכִילֶנּוּ', אויף יום הכיפורים, און אין זוהר הקדוש ווערט געברענגט אז יום הכיפורים 'יום הק־דוש', ווייל אין דעם טאג קען דער אויבערשטער מאכן רוען זיין שכינה צווישן אונז, וויבאלד מיר זענען נתקדש געווארן דורך די ווידוים, ווייל ווען דער מענטש איז זיך מתוודה און איז מודה אז ער האט געזינדיגט, טוט ער אנערקענען אין זיין שפלות, און מיר ווייסן אז דער אויבערשטער מאכט רוען זיין שכינה אויף די וואס זענען זיך משפיל, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'מָרוֹם וְקָדוֹשׁ אֶשְׁכּוֹן וְאֶת דַּכָּא וּשְׁפַל רוּחַ', אויב אזוי, וועט דער אויבערשטער אוודאי מאכן רוען זיין שכינה אויפן אידישן פאלק אין אט דעם הייליגן טאג.

און עס פארשטייט זיך, אז כדי די שכינה זאל רוען אויף אונז, דארפן מיר זיין פאסיגע כלים וואס זענען ווערד אז די שכינה זאל רוען אויף אונז, און אין אט דעם גרויסן און הייליגן טאג, איז אסאך גרינגער צו ווערן א 'פאסיגער כלי', ווייל ווי שוין ערלקערט, טוט דער אויבערשטער אלעס, און מיר דארפן נאר אריינגיין אינעם וואסער וואס דער אויבערשטער האט אנגעגרייט פאר אונז מיט זיין געוואלדיגע חסד.

קומט, לאמיר נישט זיין פון די צוועקים על העבר, נאר לאמיר אריינשפרינגען אין די וואסער וואס דער אויבערשטער האט געשפריצט אויף אונז, און מיר וועלן ווערן ריין!!!

(עפ"י טיב המועדים – יום הכיפורים)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

אין זיין דין און אפילו אויב ער וועט ארויסגיין פון דעם זכאי וועט ער עס קענען טון איינמאל, אבער אויב ער וועט זיך פארזינדיגן איינמאל און נאכאמאל – וועט עס מער נישט העלפן. אבער דא ביי הקב"ה איז אנדערש, צו אים קען מען אלעמאל קומען און ער איז אלעמאל מוחל און פארגעבט.

די יסוד פון דעם איז רחמים. אויף דעם האט דער נביא ישעי' (נה, ח) געזאגט דער פסוק: כי לא מחשבותי מחשבותיכם ולא דרכיכם דרכי נאם ה'.

דער צוגאנג און די בליק פון הקב"ה צו א בשר ודם איז אנדערש. דער רבוש"ע זוכט נישט מעניש צו זיין א מענטש. אויך די שוועריגקייטן וואס א מענטש גייט אריבער איז נישט אן עונש. דער ציל פון דעם איז כל כולו מקרב צו זיין א איד צו אים און אים צוריקברענגען צו אים. די יסורים דינען ווי א דערוועקער פאר'ן מענטש, ווייל די שאיפה איז אנדערש. דער רבוש"ע איז שואף אז דער מענטש זאל זיך צוריקקערן צו אים ווי דער נביא זאגט אין יחזקאל (לג, יא): חי אני נאום ה' אלקים אם אחפוץ במות הרשע כי אם בשוב רשע מדרכו וחיה.

אויך ווען א מענטש איז זוכה און ער טוט א תשובה שלימה וועט הקב"ה גיין מיט אים ברחמים ובחסדים. דער סדר העולם איז אז ווען א מענטש טוט תשובה וועט מען אים אייביג דערמאנען זיינע אלטע זינד, אבער ביי הקב"ה איז נישט אזוי. ווען א איד איז זוכה און זיין תשובה איז א שלימות'דיגע ווערט די חטא אויסגעמעקט און ווי דער לשון הרמב"ם איז אין הלכות תשובה [א, ג] התשובה מכפרת על כל העבירות, אפילו רשע כל ימיו ועשה תשובה באחרונה, אין מזכירין לו שום דבר מרשעו וכו'".

עס גייט נאך ווייטער פון דעם. חז"ל זענען אונז מגלה אז [יומא פו ע"ב] אז ווען א איד טוט תשובה מאהבה ווערן די זדונות איבערגעדרייט אויף זכותים. דאס איז א מורא'דיגע זאך. מען קען נאך דערהערן אזא זאך אז מען זאל פארגעבן פאר א זינדיגער זיינע חטאים, אבער אז די חטאים זאלן ווערן איבערגעדרייט אויף זכותים דאס איז דאך א וואונדערליכער חסד, און מיר זענען זוכה צו דעם.

אז מען איז זיך מעמיק אין דעם און מען זעט די עומק החסד וואס הקב"ה טוט מיט יעדן איינעם פון אונז, דארפן די הערצער ווערן מלא שמחה. מען זעט טאקע אז די טאג איז א יום שכולו שמחה, און ווי חז"ל זאגן אונז אין די גמרא [תענית כו ע"ב] לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכפורים.

די גמרא געבט דארט צו פארשטיין אז די שמחה איז די מחילה. מען איז בשמחה אז הקב"ה איז מוחל די עוונות פון יעדן איד, אז מען האט די זכיה צו ווערן אויסגעוואשן פאר הקב"ה, אז מען האט די מעגליכקייט זיך מטהר ומקדש צו זיין פאר'ן בורא כל העולם.

מיט די שמחה דארף א איד צוגיין צו דעם גרויסן טאג. ער דארף עס שפירן און לויבן הקב"ה אויף דעם, אז עס איז דא אזא טאג ווען מען קען זיך רייניגן פאר'ן בורא כל העו־למים. אז מען וועט צוגיין מיט אזא בליק וועט דאס הארץ ווערן פול מיט אהבה און רגש פאר הקב"ה, מען וועט קענען באמת תשובה טון און זיך דערנענטערן צום גרויסן טאטן אין הימל, אבער אז מען וועט צוגיין מיט א שרעק, מיט א זויערקייט, וועט מען נישט קענען ריכטיג אויסנוצן דעם גרויסן טאג און די סגולה וואס זי האט אין זיך.

דער רבינו יונה זאגט אז די מצוה פון עסן ערב יום כיפור און מאכן סעודה'ס איז וועגן די שמחה, אז מען איז זוכה צו ווערן ריין פאר הקב"ה און ווי עס איז לשון קדשו אין ספר שערי תשובה [שער רביעי] וז"ל: אמרו רבותינו ז"ל (ר"ה ט.) כל הקובע סעודה בערב יום הכיפורים כאילו נצטווה להתענות תשיעי ועשירי והתענה בהם, כי הראה שמחתו בהגיע זמן כפרתו, ותהיה לו לעדה על דאגתו לאשמתו ויגונותיו לעוונותיו.

פון דעם זעט מען אז די שמחה איז וועגן די כפרה, אז דער איד קוקט ארויס אז מען זאל זוכה זיין אז זיינע עבירות זאלן נתכפר ווערן ווייל אין דעם איז א איד זוכה צו דעם.

ווען א איד גלייבט אין דעם איז ער זוכה צו מחילת עוונות. ער ווערט ריין פון יעדן נידנוד חטא. ער ווערט מלא שמחה און ער נוצט אויס יעדער רגע.

איך האב געקענט אן עלטערער איד וואס יום כיפור פארנאכטס איז זיין אייניקל געקומ־ען צו אים און וויסנדיג אז די פאסטן איז אים שווער האט ער געזאגט פאר'ן זיידן אז מען האלט שוין נענטער ווי ווייטער, אז אט אט גייט דער פאסט טאג ארויס. דער אייניקל האט געוואלט טרייסטן דעם זיידן אבער דער זיידע האט געזאגט אדרבה, א שאד אז עס איז נאר געבליבן אזוי ווייניג צייט, מען דארף אריינכאפן נאך און נאך.

אז דאס איז דער צוגאנג, וועט מען זיכער פועל'ן אלעס גוטס און זוכה זיין אין דעם טאג זיך צו באנייען און ווערן כבריה חדשה און פארשריבן ווערן אויף א גמר חתימה טובה און א שנת גאולה וישועה, אמן.

טיב
ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# דן זיין א איד לכף זכות - ברענגט זכותים אויף די וועלט

מיר שטיין אין א שווערע מלחמה צושטאנד. די צייט דערמאנט מיר ווען מיר זענען אמאל געשטאנען אין אן ענליכע מצב, און דאן האט מורינו שליט"א געגעבן א לענגערע שמועס איבער דער מצב און מעורר געווען אז אין אזא צייט דארף כלל ישראל האבן זכותים, און געבעטן אז מען זאל זיך מחזק זיין אין דן זיין אידן לכף זכות.

געווענליך גיי איך נישט ארויס שבת ביינאכט פון שטוב, אבער יענער שבת האב איך זיך ארויסגעלאזט פון שטוב אויף א שפאציר. גייענדיג אין גאס האב איך באמערקט ווי קעגן מיר קומט צוגיין א פארשוין. עס איז געווען טונקל אבער פונדערווייטנס האב איך געקענט זען ווי דער וואס קומט מיר אקעגן האלט א טעלעפאן אין זיין האנט.

אין די ערשטע מינוט בין איך געווען זיכער אז עס א גוי, א זיכערהייט וועכטער, אדער א פיליפינער וואס איז דא אין געגענט ארויסצוהעלפן אן אלטער איד. ווען דער געשטאלט איז געווארן נענטער האב איך זיך געזען אז דאס איז ליידער א איד.

איך טו אביסל אין קירוב רחוקים, אבער נישט 'עכטע' רחוקים נאר אזאנע וואס זענען אמאל געווען נאנט אבער זענען ליידער ארויסגעפאלן פון דעם וועג. דערקענענדיג אויף דעם בחור אז ער איז אזא סארט בחור האב איך זיך נישט געקענט איינהאלטן נאר זיך דערנענטערט צו אים.

איך האב אים באגריסט מיט א ווייכקייט און געפרעגט צי ער איז א איד.

"יא", האט ער גענטפערט.

ווי אזוי קען זיין אז א איד האלט א טעלעפאן שבת?

דא בין איך געווען זיכער אז עס גייט קומען א שארפער ענטפער, אבער אנשטאט דעם האט ער אנגעהויבן קעקעצען זאגנדיג אז ער ווייסט אליינס נישט פארוואס ער האלט עס.

עס האט אויסגעזען ווי מיין שאלה האט אים שטארק בארירט.

נישט וועלענדיג אים דערקוטשען האב איך אים איבערגעלאזט, אבער דא האב איך זיך דערמאנט אין די ווערטער פון מורינו שליט"א אז מען דארף דן זיין יעדן איד לכף זכות. איך האב געטראכט צו מיר אז דער בחור'ל וואלט דאך געקענט זאגן אז ער האלט עס ווייל ער וויל מחלל שבת זיין אבער אנשטאט דעם האט אויסגעזען אז עס האט זיך דערוועקט אין אים דאס פינטל, אז ער האט אנגעהויבן חרטה האבן.

איך האב אים דן געווען לכף זכות און געבעטן פון הקב"ה אז ער זאל אים געבן די כוחות צו קענען טון א שלימות'דיגע תשובה.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ב.ש.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

**הַחֲזִירֵנוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ**

"אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ הַחֲזִירֵנוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ".

אינעם הייליגן ספר רָמָתַיִם צוֹפִים (אויפן 'תנא דבי אליהו') פון הרה"ק מוהר"ר שמואל שינאווי זצוק"ל, א תלמיד מובהק פון הרה"ק דער רבי ר' בונם זצוק"ל פון פרשיסחא (מערכת הרר"ב ס"ק צה), ווי פאלגנד: "מעשה באחד שהיה מתפלל לפני התיבה ביום הכיפורים, והיה בוכה הרבה מאוד מאוד, ומתוך כך לא היה יכול להביט בתוך המחזור, והיה אומר הרבה טעותים. ואמר לו [הרבי ר' בונם]: הלא יותר טוב היה שלא תבכה, ותביט בהמחזור, ותאמר 'עברי' כראוי"!

"והנמשל הוא, שכשהאדם בוכה הוא סובר שזהו התשובה, ובאמת אינו יוצא בבכייה זאת, רק שיסתכל ויבדיל הרע מהטוב. ועל זה צריך שישים עיונו מאוד, שלא יטעה אותו היצר הרע בתחבולותיו", ביז אהער פונעם רמתים צופים, און זע דארט ווייטער זיינע הייליגע ווערטער.

פון דעם לערנען מיר א כלל גדול, אז די מצוה פון תשובה איז נישט נאר א מצוה אין הארץ, דורך חרטה און ווידוי א.ד.ג., און כאטש עס איז ריכטיג אז דאס גרויס געוויין און די פילע טרערן וואס אידישע קינדער פארגיסן אינעם הייליגן טאג יום הכיפורים, טוט אוודאי אויסלייטערן און מטהר זיין דאס הארץ און זעל, אבער דאס גרויס התרגשות איז נישט גענוג, אפילו אויב מען וועט וויינען 'מאוד מאוד' אזוי ווי דער הייליגער צדיק שרייבט. אסאך מאל מאכט זיך עס טאקע, אז מען פילט א פארגרינגערונג נאכן זיך אויסוויינען און חרטה האבן, און מען האלט אז דאס איז גענוג. עס איז טאקע ריכטיג אז דורכן וויינען האט מען אראפגענומען פון זיך די עבירות, און די כפרה פונעם הייליגן טאג יום הכיפורים טוט אויסלייטערן דעם מענטש אזוי ווי א מקוה טהרה און אזוי ווי א קליין קינד וואס איז יעצט געבוירן געווארן, און דער מענטש ווערט א 'בריה חדשה'.

אבער דאס אלעס איז נאר א האלב פונעם וועג, און די געפילן פונעם הארץ דארפן מעורר זיין צו די עבודה פונעם מח און שכל פון די תשובה. ווייל אזוי שטייט אין די הייליגע ספרים, אז דער מקור פון תשובה קומט פון די בחינה פון בינה כידוע, וואס דאס מיינט אז מען זאל זיך מתבונן זיין מיט א קלארע און לויטערע שכל, צו אנערקענען און פארשטן וואס עס האט צוגעברענגט צו די עבירה און פון וואו איז איר שורש. אזוי ווי עס ווערט דארט נאך געברענגט אין נאמען פונעם רבי'ן רבי בונם זי"ע, איבער די ווערטער וואס מיר זאגן ביים אנהייב פון די סליחות: "לְךָ ה' הַצְּדָקָה וכו', מַה נְּדַבֵּר וּמַה נִּצְטַדָּק, נַחְפְּשָׂה דְרָכֵינוּ וְנַחְקֹרָה וְנָשׁוּבָה וכו'", זע דארט.

'בינה' איז נישט דווקא דורכן באנייען דעם שכל, ווייל דאס האט שוין די 'חכמה' גע'פועל'ט, נאר דאס טראגט מיט זיך אן אינערליכע התבוננות, וויבאלד מען ווייסט און אנערקענט שוין מיטן שורש פונעם חכמה, וויאזוי צו מאכן דעם ריכטיגן טויש אינעם שורש פון זיינע וועגן אין לעבן. און דורך זיין קאפ וועט ער פארשטיין און זיך מתבונן זיין אפצוטיילן דאס שלעכטס פונעם גוטס, אין די פילע זאכן וואס מען האט זיך צוגעוואוינט צו טראכטן און זיך פארצושטעלן אויף א געוויסן וועג אינעם גאנצן מהלך החיים. און דורכדעם וועט מען געפינען און מגלה זיין די פנימיות פון בינה, און טוישן דעם יסוד פון זיין גדאנקענגאנג אין לעבן, און ארויסגיין פונעם יום הכיפורים מיט גאר אן אנדער מהלך המחשבה – מיט גלייכע און הייליגע מחשבות וועלכע דערנענטערן און הייבן אונז צום חיי החיים ברוך הוא, צו מאכן נחת רוח פאר אונזער באשעפער, און צו מאכן רוען די הייליגע שכינה צווישן אונז, מיטן אויפבוי פון בית קדשנו ותפארתנו, און דארט וועלן מיר אינגיכן זוכה זיין צום 'מראה כהן' ארויסגייענדיג 'מבית קדשי הקדשים' בשלום אן קיין שטער, במהרה בימינו אמן.

->•<-

הרה"ג רבי אהרן שענקער זצ"ל, איידעם פון מרן הגה"צ רבי יוסף חיים זוננפלד זצוק"ל גאב"ד דפעיה"ק, איז געווען מפורסם, אויסער זיין גרויסקייט אין תורה, אויך אלס א צדיק און עובד השם יתברך במסירות נפש.

זיין הייליגער שטייגער אינעם גרויסן טאג פון ערב יום הכיפורים איז געווען, אז ער האט זיך געפינען אליין אינעם 'בית המוסר' אין די אלט-שטאט פון ירושלים עיר הקודש, דארט איז ער געזעצן אין זיין ווינקל, זייענדיג עוסק אין ספרי מוסר און אין חסיד'ישע ספרים, וועלכע רעדן איבערן גרויסקייט און חשיבות פון די תשובה פונעם הייליגן טאג יום הכיפורים.

אין איינע פון די יארן, האט זיך די עבודת התשובה וההתבודדות געצויגן ביים אויבנדערמאנטן גאון און צדיק, פאר מער ווי פינף שעה נאכאנאנד! ווען ער האט געענדיגט אט זיין גרויסע עבודה, איז ער ארויסגעגאנגען מיט שמחה אויפן וועג אהיים, מקיים צו זיין די מצוה פונעם טאג וואס מיר זענען באפוילן געווארן מדאורייתא צו עסן און טרינקען. אזוי גייענדיג אויפן וועג, האט ער געטראכט צו זיך, אז עס איז דאך מנהג ישראל צו באקומען היינט די ברכה פון צדיקים צום הייליגן יום הדין, אזוי ווי עס שטייט אינעם הייליגן ספר קיצור שולחן ערוך (סימן קלא, טז) אז עס זענען דא וואס גייען אום ערב יום הכיפורים צו תלמידי חכמים און צדיקים אז זיי זאלן זיי בענטשן, און זיי בעטן פון זיי אז זיי זאלן דאווענען אויך פאר זייערטוועגן אין דעם הייליגן און פארכטיגן טאג וכו', ביז אהער פונעם קיצור שולחן ערוך.

דעריבער האט ער געוואנדן צום הויז פונעם לעלוב'ער רבי'ן, הרה"ק רבי דוד (צבי שלמה) בידערמאן זצוק"ל, כדי זיך צו בענטשן ביי אים אין צוגרייטונג צום יום הקדוש.

ווען ער איז אריינגעקומען צום הייליגן צדיק, בדחילו ורחימו, האט ער געזען פאר זיינע אויגן דעם הייליגן צדיק, ווי ער זיצט ביי זיין הייליגן טיש עסנדיג דעם סעודת היום, און זיין געזיכט האט אויסגעזען ווי א מלאך אלקים! אבער זיינע געסט וועלכע האבן געגעסן מיט אים זענען געווען בטלנים, ארחי פרחי, וועלכע זיצן אלעמאל אין גאס און זענען עוסק אין בעטלען נדבות... און דא זיצט דער צדיק צוזאמען מיט זיי, און דערלאנגט זיי געשמאקע עסן, און שמועסט מיט זיי אנגענעם. אזוי האט עס אויסגעזען ווי דער צדיק פארברענגט חלילה די צייט מיט זיי. [עס איז באוואוסט געווען אז ער האט געהאט א הייליגע עבודה, צו מקרב זיין די לײדיג-גייער און צוקלאפטע מענטשן פון ירושלים, און ער פלעגט זיי אויסזוכן אין אלע עקן פונעם מארק-פלאץ, און ער פלעגט זיי אריינגעמען אונטער זיין שוץ, ומי יבוא בסוד קדושים].

רבי אהרן, וועלכער איז געווען צופלאמט כאש להבה, נאך די לאנגע גערויבענע התבודדות פון ערב יום כיפור, און זעענדיג דעם געזיכט פונעם הייליגן צדיק, ווי ער זיצט אזוי רואיג און שמועסט מיט אט די לײדיג-גייער, איז ער געווארן זייער צושטורעמט, ביז א געשריי האט ארויסגעשפאלטן פון זיין מויל: "רבי! אויף אזוי ווייט גייט עס, אז מען דארף מקרב זיין אזעלכע לייט? עס איז דאך היינט ערב יום כיפור"!

הערנדיג זיין טענה, האט דער הייליגער רבי געוואנדן זיין הייליג געזיכט צו אים, און געעפנט זיין הייליג מויל מיט חכמה און עֲנְוַת חֵן, ווי פאלגנד: איך וועל דיר ערקלערן דעם ענין מיט א משל. עס איז אמאל געווען א רחמנות'דיגער טאטע, וועלכער האט געהאט א בן יחיד, באליבט און גלוסטיג, און ווען דער קינד איז אנגעקומען צו דער עלטער ווען די ציין שפאלטן ארויס, האט דער קינד געליטן פון שטארקע ווייטאגן, פון די ציינער וועלכע שפראצן ארויס און צורייסן די פלייש, און דאס טוט זייער וויי, כידוע. דער קינד האט געוויינט און געוויינט אן אויפהער. וויפיל דער טאטע האט פראבירט אים צו בארואיגן און שטילמאכן, איז עס אים נישט געלונגען ['אַקאַמאַל'/טיילענאַל א.ד.ג. צו איינשטילן די ווייטאגן, איז נאכנישט געווען אין יענע צייטן]!

דער טאטע האט אבער נישט געקענט צוקוקן די ליידן פון זיין קינד, און הערן זיין שרעקליכן געוויין, דעריבער האט ער זיך געטראפן אן עצה, און איז ארויסגעגאנגען מיט אים אינדרויסן, און זיך געשפילט מיט אים אויף זיין שטייגער, כדי אים צו בארואיגן. דארט האבן זיי געפינען א קליין קעצעלע, און האבן זיך גענומען יאגן נאך איר... און אזוי ווייטער האבן זיי געטראפן אנדערע באשעפטיגונגען, ביז דער קינד האט פארגעסן פון זיין ווייטאג, און ער האט אויפגעהערט צו וויינען, און אויך דער טאטע האט שטארק הנאה געהאט צו זען ווי זיין ליב קינד איז רואיג און צופרידן!

אט די אידן, האט רבי דוד'ל ערקלערט דעם נמשל, זענען דאך די ליבע קינדער פון השם יתברך, און יעדער איינער פון זיי איז ביים אויבערשטן אזוי ווי א בן יחיד! טיף אין זייער הארץ ליידן זיי טרויער און ענגשאפט, צוליב זייערע שווערע יסורים. זייער געוויין טוט זייער וויי למעלה, פאר די שכינה הקדושה, און מען דארף שטענדיג טון אלעס וואס נאר מעגליך כדי זיי צו דערפרייען און שטארקן, אפילו אין אזא הייליגע טאג. וויבאלד דורכדעם הייבט מען אויף די שכינה מעפרא, און מען דערנענטערט איר צו קודשא בריך הוא און צום הייליגן כנסת ישראל! וואס דאס איז דער עיקר תכלית פון די עבודת הימים הנוראים!

->•<-

ערב יום הכיפורים, ווען די זון האט שוין געהאלטן ביים אונטערגיין, אינעם הייליגן הויז פון הרה"ק דער רבי ר' מנחם מענדל מרימנוב זצוק"ל. דער התרגשות צום יום הדין וואס קומט שוין אט-אט אן, האט זיך גוט געפילט אין די לופט! אויב א גאנץ יאר האט געהערשט א פחד און מורא אינעם הויז פונעם צדיק כידוע, וואס ביי יעדע תנועה און ווארט האט מען מורא געהאט פון אים, וויבאלד די ריינע און פולשטענדיגע אמת איז אלעמאל געווען נֵר לְרַגְלָיו! איז עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה אין אזעלכע געהויבענע מינוטן, ווען אלע אידישע הערצער ברומען מיט חֶרְדַּת הַדִּין.

דער הייליגער צדיק איז דעמאלטס געשטאנען אין

המשך אין עמוד ד' |<

זיין היילגן צימער, און אזוי ווי דער מנהג ישראל, זענען דעמאלטס, נאכן סעודה המ־פסקת, זענען אלע זיינע זין און טעכטער אריינגעגאנגען צו אים, איינס נאכן אנדערן, אז ער זאל זיי בענטשן מיט ליבשאפט, מיט זיין הייליגע ברכה.

איינע פון זיינע טעכטער, וועלכע האט געגעסן די סעו־דה אין איר הויז, האט זיך געאיילט צו ענדיגן אלע אירע צוגרייטונגען פון פריער, כדי זי זאל קענען אנקומען צו איר טאטע'ס הויז צוזאמען מיט איר קליין קינד, און געבענט־שט ווערן דורך אים, איידער ער וועט ארויסגיין צום בית המדרש.

אבער, ווי שטארק זי האט זיך געאיילט, האט זי פאר־שפעטיגט, און אנקומענדיג צום היילגן וואוינונג פון איר טאטע, האט זי געזען ווי איר גרויסער טאטע איז שוין איינגעהילט אינעם טלית און מיט די ווייסע קליידער, און ווי א מֶלֶךְ בִּגְדוּד שפאנט ער מיט זיינע געקליבענע הייליגע און געטרייע תלמידים, אין ריכטונג פונעם גרויסן בית המדרש.

זעענדיג דאס, האט זי אויסג־עבראכן אין א ביטער געוויין, אז זי און איר קינד האבן דע־רלייגט דעם ספעציעלן ברכה וואס איר הייליגער טאטע געבט איינמאל אין יאר, מיט א ספעציעלן ליבשאפט מִקֶּרֶב אִישׁ וְלֵב עָמֹק. דאס געוויין איז געווען אזוי ביטער, אזוי ווי זי זעט פאר זיך דעם פאָרשטייענדע יאר איינגעהילט אין שרעק רח"ל. אויך דאס קליין קינד, זעענדיג ווי זיין מאמע וויינט אזוי ביטערליך, האט ער זיך אויך גענומען שטארק וויינען.

זייערע ביטערע יללות זענען אנגעקומען צו די אויערן פונעם צדיק, און ווען ער האט געפרעגט וואס איז דער מיינונג פון אט דעם ביטערן געוויין, און מען האט אים געזאגט אז דאס איז זיין טאכטער און איר קליין קינד, האט ער מורא געהאט טאמער איז זיי חלילה עפעס געשען. האט ער איר גערופן צו אים, און געפרעגט מיט זארג: מיין טאכטער, פארוואס וויינסטו? און זי האט זיך ווייטער גענומען וויינען, דערפאר וואס זי האט נישט אנגעיאגט געבענטשט צו ווערן אין יענעם טאג, פון איר גרויסן הייליגן טאטן!

האט זיך דער צדיק געוואנדן צו זיין יונגן אייניקל, און אים ווייך געפרעגט: און דו מיין קינד, פארוואס וויינ־סטו? [ווייל ער האט דאך נישט פארשטאנען, ווי זיין מאמע, דעם געוואלדיגן פארלוסט פון אט די הימלישע ברכה].

האט דער קינד געענטפערט מיט תמימות: ווייל מאמי וויינט!

האט זיי דער צדיק אריינגענומען אין זיין היילי־גן צימער אינעם בית המדרש, און איידער ער איז אריינגעגאנגען צום געהויבענעם תפילה פון 'כל נדרי', האט ער זיי הארציג געבענטשט צום נייעם יאר.

גלייך נאכדעם וואס ער האט זיי געבענטשט, איז ער אריינגעקומען מיט גרויס התרגשות צום דאווענען אין בית המדרש, און מען האט קלאר געקענט זען אז די גרויסע געוויין האט אים שטארק באוירט.

ביים היילגן דרשה וואס דער צדיק האט געלאזט הערן נאך כל נדרי, האט ער זיך געפירט אז ביים סוף פונ־עם דרשה האט ער גערעדט כְּלַפֵּי מַעְלָה. אויך יעצט, זייענדיג אינגאנצן איינג־עהילט אין זיין היילגן טלית, האט ער גענומען שרייען זיך ווענדנדיג צום אפענעם ארון הקודש:

רבונו של עולם! דו האסט דאך געזען וואס איז געווען מיט אונז אויפן וועג! ווי דער קליין קינד האט אזוי שטא־רק געוויינט, אן צו פארשטיין פארוואס, און נאר ווייל די מאמע וויינט, טוט אויך דער קליין קינד אזוי ביטערליך וויינען!

אויך אונז זעען דעם גרויסן צער פון די שכינה הקדושה וועלכע איז אראפגעווארפן צו דער ערד, און זי וויינט מיט א ביטערן און שרעקלי־כן געוויין. וויאזוי קענען מיר שווייגן ווען די אִימָּא עִילָּאָה וויינט אזוי שטארק?! און דער צדיק האט גענומען גאר שרעקליך וויינען, ווען דער גאנצער קהל נעמט זיך וויינ־ען מיט אים מיט א שטארקן התעוררות, וַיְהִי הַמָּקוֹם לְחֶרְ־דַּת אֱלֹקִים!

און אט האט דער הייליג־ער צדיק אנגעהויבן זאגן די פארכטיגע ווערטער פונעם זוהר הקדוש (תיקונים קמג.) וועלכע ווערן געזאגט אינ־עם היילגן נאכט פון כל נדרי: "קָם רַבִּי שִׁמְעוֹן סָלִיק יְדוֹי לְגַבֵּי עֵלָּא, וְשַׁבַּח לְמָא־רֵי עָלְמָא, וְאָמַר: רִבּוֹן עָלְמִין עֲבִיד בְּגִין שְׁכִינְתָּא דְּאִיהִי בְּגָלוּתָא וכו'. כְּמָה דְּאוּקְמוּהוּ 'אֵיכָה יָשְׁבָה בָדָד' (איכה א, א), דְּאִיהִי חֲשִׁיבָא שְׁכִינְתָּא בְּגָלוּתָא כִּמְצֹרָע, דְּאִתְמַר בֵּהּ (ויקרא יג, מו) 'בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה', מִחוּץ וַדַּאי דָּא גָלוּתָא וכו'".

**אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין תנא דבי אליהו (זוטא שלהי פ"ד) וועגן דער ערשטער יום הכיפורים, ווען משה רבינו איז אראפגעקומען פונעם בארג סיני אין אט דעם געהויבענעם עת רצון, ווי פאלגנד: "הִשְׁ־כִּימוּ [יִשְׂרָאֵל] וְעָלוּ לִפְנֵי הַר סִינַי, יִשְׂרָאֵל הָיוּ בּוֹכִים לִקְרַאת מֹשֶׁה, וְהוּא הָיָה בּוֹכֶה לִקְרָאתָם, עַד שֶׁעָלְתָה בְּכִיָּתָם לַמָּרוֹם. – בְּאוֹתָהּ שָׁעָה נִתְגַּלְגְּלוּ רַחֲמָיו שֶׁל הקב"ה עַל יִשְׂרָאֵל, וְקִבֵּל אֶת תְּשׁוּבָתָם, בִּשְּׂרָה אוֹתָם רוּחַ הַקֹּדֶשׁ בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת וְנֶחָמוֹת, וְאָמַר הקב"ה לְיִשְׂ־רָאֵל, בָּנַי, נִשְׁבַּע אֲנִי בִּשְׁמִי הַגָּדוֹל שֶׁלִּי וּבַכִּסֵּא הַכָּבוֹד שֶׁלִּי, שֶׁתְּהֵא לָכֶם בְּכִיָּה זוֹ לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה גְּדוֹלָה, וְיִהְיֶה לָכֶם יוֹם זֶה יוֹם סְלִיחָה וְכַפָּרָה וּמְחִילָה לָכֶם וְלִבְנֵיכֶם וְלִבְנֵי בְנֵיכֶם עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת", אָמֵן.**







יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173